געפּאָדערט נאָר, אַז זיי זאָלען אַנערקענען די נויטוועגדיגקייט צו פיהרען אַ קלאַסען־און פּאָליטישען קאַמפף. דער שרעקליכע געשפּענסט, וואָס צושפּאַלט די קאַמפּפס־קרעפטען פון'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט — די נאַציאָנאַלע פראַגע פיגורירט ניט אין קיין שום הינזיכט און די דאָזיגע בעשטימונגען. די גלות־פּאָליטיק, אויטאָנאָמיזם, טעריטאָריאַליזם, פּלשתינה'יזם — דאָס זענען אַלץ פּאָדערונגען, לאָזונגען, וואָס קענען בלייבען ביי יעדער אידישער פּאַרטיי, ביי יעדער אָרגאַניזאַציע אין זייער פולען אומפאַנג און פאָלקאָם אונבערירט און קענען לחלוטין ניט ווירקען אויף דאָס פערהאַלטען זיך פון איינצעלנע גרופּפּען אינ'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט צו דער פאָדערונג פון אַ בעזונדערער אידישע סעקציע אינ'ם אינטערנאַציאָנאַל. אָהן אונטערשייד פון נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען, קען און דאַרף דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, פּעראייניגט דורך דער געמיינזאַמקייט פון דער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג און פון'ם אַנערקענען די פּרינציפּען פון קלאַסען־און פּליטישען קאַמפף, אַרויסטרעטען, ווי איין מענש, מיט דער פאָדערונג פון אַ אידישער סעקציע.

דער מעמאָראַנדום, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פון די דריי אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, איז געווידמעט דעם דאָזיגען צוועק. ער איז בעשטימט דערצו, אַז אין די רייהען פון די אידשע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פון די אידיש פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען און די איבריגע אידישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס זאָל אַרויסגערופען ווערען אַ בעוואוסטזיניגע בעציהונג צו דער דזאָזיגער פראַגע, אַז ס'זאָלען געזאַמעלט ווערען די שטימען פון'ם פּראָלעטאַריאַט וועגען דעם דאָזיגען ענין. אויפ'ן גרונד פון דער קלאָר פאָרמולירטער געזעלשאַפטליכער מיינונג פון'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט וועט געשטעלט ווערען דעם אינטערנאַציאָנאַל אַ בעגרינדעטע פאָדערונג פון אַ אידישער סעקציע, — אַ פאָדערונג, וואָס שטיצט זיך אויף דער ווירקליכער שטימונג פון'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט.

דאָס איז דער וועג, אויף וועלכען מיר דאַרפען געהן צו דער פערווירקליכונג פון דער דאָזיגער פאָדערונג, וועלכע האָט אַ גרויסען ווערט פאַר'ן אידישען פּראָלעטאַריאַט. אין דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט גופא ווענדעט זיך, צו וועט ער זיך שטעלען אויף דעם וועג פעסט און ענטשידען, אָדער, להיפוך, אָפּזאָגען זיך פון איהם איינמאָל פאַר אַלע מאָל.

ע נ ד ע.



ש. אַנ—סקי.

# דער גיהגום

(ש. ג. פרוג'ן)

איבער אַלע זיעבען הימלען, איבער ד'ר ערד און די מזלות, איבער אַליז, וואָס גאָט דער הערשער, דער אַלמעכטיגער און שטאַרקער, האָט מיט גנאָד און מיט רחמנות אָדער מיט דעם גרויסען כח פון זיין גרימצאָרען בעשאַפען — הערשט פון איביג אונגעענדערט נור דער קאַלטער און דער שטרענגער פסק־דין: מדה כנגד מדה. אַ גאָטס־פורכטיג־פרומער לעבען ווערט בעלאָהנט מיט עולם הבא אין דעם ליכטיגען גן עדן. און פאַר עולה'ס און עברה'ס זיינען אָנגעגרייט די ליידען פון די שבע מדורי גיהנום.

טיעף און פינסטער איז דער גיהנום! דאָרטען העלפט שוין ניט קיין תשובה און פון דאָרטען קען ניט גרייכען צו די פיס פון גאָט דעם הערשער ניט קיין טרעהר און ניט קיין תפילה. דאָרטען בעט מען, ווי אַ חסד, דעם ניט־זיין, דעם טויט דעם שטילען, נור פאַר זינדיגע אין גיהנום האָט דער טויט שוין ניט קיין שליטה! אונטער הילכיגען געלעכטער פון סמאל און זיין כתה, הערען דאָרטען זיך נור שטענדיג זיפצען, קלאָגען און געשרייען.

צו די טויערען פון גיהנום פיהרען פון דער וועלט דריי וועגען. איין וועג ציהט זיך דורך די תהמים פון די גרויסע זיעבען ימים. דורך דעם ווילדען טויטען מדבר ציהט זיך, ווי אַ חרפה־צייכען פון אַ תלין־שמיץ, דער צווייטער. און דער דריטער וועג, דער שלימסטער, ציהט זיך לאַנג און שווער און פינסטער אונטער דר'ערד צום טהיר פון גיהנום.

וואו עס זאָל אַ איד ניט שטאַרבען, ווי ער קומט נאָר אָב ביים פּטירה אַלע בייזע חבלי מות און דעם חבוט פון דעם קבר, מוז ער אונטער דר'ערד זיך קייקלען אָהן אַ וועג, אין טיעפען חושך, רייסען זיך דורך הארטע פעלזען, דורך מחיצות און דורך זומפּען, ביז ער קומט אין ארץ ישראל, און פון דאָרטען ציהט דער וועג זיך דורך דעם זידענדען סמבטיון אונטער אַלע הרי־חושך.

ביי די טויערען פון גיהנום לויערען פיעלע מחנות שדים, וועלכע שרייען שטענדיג: הב—הב! זיי בעגעגענען דעם זינדער און זיי וואַרפען איהם אין גיהנום.

קודם כל, פאַר אַלע ליידען, מוז דער זינדער זאָגען ודוי. יעדער חטא און יעדע עולה, וואָס ער האָט געטהאָן ביים לעבען — געגען גאָט, צי געגען לייטען, — וואו און ווען ער האָט געטהאָן עס, מוז ער אַלץ אַליין דערצעהלען. און דערביי, ווי ער דערמאָהנט נאָר אַן עבירה צי אַן עולה,

ווערט דערפון א שד בעשאפען, און ער פייניגט שווער דעם זינדער פאר זיין אייגענער בעשאפונג.

ווי עס ענדיגט זיך א חודש פון די גיהנום פורעניות, ווערט דער גוף פון בעל עבירה אויף די צייהן פון שלימסטען משחית אין א דינעם שטויב צומאהלען, און עס ווערט דער שטויב געוואָרפען אין גן ערן אויף די וועגען, וואו עס טרעטען די צדיקים. נאָכדעם ווערט דער גוף פון זינדער אויף דאס ניי פון שטויב בעשאפען און געבראכט צוריק אין גיהנום.

דורך די ביטערע געשרייען הערט זיך שטענדיג א יללה: „גאָט אין הימעל איז ווארהאפטיג, און ווארהאפטיג איז זיין משפט. מיר, פאר אונזערע עבירות, האָבען רעכט פערדיענט פורעניות. גאָט זאָל זיין געלויבט אויף אייביג, אונז זאָל זיין א שאנד אין פנים!"

זעקס מעת-לעת, ביז שבת, זידט און קאָכט און ברענט דער גיהנום מיט דעם גרימצאָרען פון בורא, און ער איז פערצוימט פאר מחילה און פערשלאָסען פאר רחמנות. ווי עס קומט נור אָבער שבת, און מען הויבט אָן אין די שוהלען זינגען „לכה דודי", ווערט דער גיהנום בערוהיגט. עס פערשווינדען די משחיתים, ס'ווערט געשטילט און ווערט פערלאָשען פון די קאלך-אויוועגס דער פייער, און עס פליהט אראָב אין גיהנום פון דער הויך א מילדער מלאך, וועלכער טראָגט אויף זיינע פליגלען טרייסט און מנוחה און רחמנות. און ער פאָכעט מיט זיין פליגעל אויף די גופים די צוברענטע, און ער לינדערט זיי די ליידען, און ער זאַלבט זיי מילד די וואונדען מיט גן-עדן אייל און בשמים, און ער רוימט זיי איין מיט רחמים דעם בטחון אויף מחילה. און עס געהט אראָב פון הימעל אויף די זינדער א מנוחה און דער גייסט פון שבת קודש. ווי נור אָבער אויפ'ען הימעל טהוען זיך בעוויזען שטערען, און בעגלייט מיט א הבדלה געהט אוועק דער שבת קודש, ציגדט זיך ווידער אָן דער גיהנום, און עס פאנגען זיך אָן ווידער אלע צרות און ענוים.

ניט פאר אלעמען אין גיהנום ברענגט דער מלאך פון גן-עדן אויף דעם טאָג פון שבת קודש רוה און טרייסט און בשמים-זאַלבונג. ווער עס האָט נור ביי דעם לעבען מוטהווילליג פערשוועכט גאָט'ס נאָמען, דער פערליערט אפילו שבת די מנוחה — און עס ברענגט ניט דער גן-עדן-מילדער מלאך אין זיין מדור פון יסורים ניט קיין טרייסט און ניט קיין באלזאם.

און אָט דאָס איז די בעשרייבונג פון די שבע מדורי גיהנום: ס'רופט זיך ב ו ר דער ערשטער מדור.

דאָרטען, אונטער גרויסע קעסלען, ברענט א העליש-שטארקער פייער. און עס פליעסען גרויסע טייכען פול מיט זודיג' פעך און שוועבעל; ס'ליגען גליהענדיגע קויהלען, גרויס ווי בערג- ווי פייער-פעלזען. שדים, לצים און משחיתים האָבען דאָרט א פרצוף פנים פון נחשים ועקרבים, און אנטקעגען זייער אנפאל העלפט שוין ניט קיין שום פערשפרעכונג. אין דעם מדור הילכען קולות פון יללות און געשרייען, דאָ אין קעסלען און אין פלאמען צאפלען זיך אין העכסטע ליידען לעבעדיג פערברענטע גופים. דאָרטען



טרייבט א שד א זינדער, טרייבט מיט פייערדיגע ריטער אויף א קויהל, א בארג פון פייער. און ער קלעטערט אָהן אָן אָטהעם ביז ער קומט צום רעכטען אויבען. און פון דאָרטען פליהט ער האסטיג אין א ים פון פעך און שוועבעל. ווייטער צאפלען זיך די זינדער, וועלכע ווערען אויפגעגעסען לעבעדיגערהייט פון ווערים; זינדער, וועלכע הייגגען דאָרטען פאר די פינגער, פאר די ג'דערים, פאר דעם צונג, דאָס הארץ, די אויגען. און די עקרעשען און שלאנגען דרעהען זיך ארום מיט אימפעט, און זיי ברענגען מיט דעם עפוש און דעם גיפט פון זייער אָטהעם.

דאָ אין ערשטען מדור זענען יענע זינדער, וועלכע האָבען ניט מקים געווען ריכטיג אלע הייליגע מנהגים. ווער עס האָט געלערנט תורה אָהן כונה און התלהבות, ווער עס איז ניט אויפגעשטאנען מיט אָן אָבשיי פאר א זקן, ווער עס האָט געשענקט אָן אביון א נדבה, א מתנה אָהן א סבר פנים יפות. דאָרטען ווערען אויך געפייניגט יענע ווייבער, וועלכע האָבען ניט פערדעקט די האָר מיט צניעות, און די קינדער ניט געלערנט זאָגען מודה, לייענען „קריאת שמע", שרייען „אָמן, יהי שמי רבא".

אין דעם צווייטען מדור, ש ח ת, שטעהען אויסגעמישט צוזאמען בערג פון שנעע און בערג פון פייער, און די שדים מיט די הערנער שליידערען די זינדער איבער נאָכאנאנד, פון שנעע אין פייער און צוריק אין שנעע פון פייער, און אין יעדער הרף-עין ווערט דער גוף פון בעל עבירה אי פערברענט, אי אויף פערפראָהרען. שטענדיג איז ער דורכגעדרונגען מיט א דורשט צו ליכט און וואָרעם, מיט א דורשט צו קעלט און חשך.

דאָ אין מדור זענען יענע, וועלכע האָבען זיך גע'ספק'ט צווישען מצוות און עבירות, לייכטזיניג דעם וואָרט געביטען, שיחת חול גערעדט ביים דאוו- נען. אויך די יעניגע וואָס האָבען מיט א וואָרט, א שטות, א שפיצעל, שופך דם געווען דעם חבר, אויף אזויפיעל אז אין פנים האָבען זיך ביי איהם געביטען פון בזיונות אלע פארבען.

ד ו מ ה הייסט דער דריטער מדור. דאָרטען אין א קאלטען, טויטען, אונבעוועגטען, גראָהען שווייגען, וועלכער ס'איז געווען בעשאפען איידער ס'איז א קול געבאָרען, לויערט ווי א ווילדע חיה דער משונה-גרויסער פחד, און ער קוקט אויף אלץ אָהן אויגען, מיט א בליק פון משוגעת. דאָרטען אין דער טויטער שטומהייט ווערט פערוועלקט דער שטארקסטער פייער, הויבט אָן פוילען, ווערט פערשימעלט. הארטע שטיינער, אייזען-פעלזען ווערען דאָרטען אָן די שטארקייט, זיי צוברעקלען זיך אויף שטיקער און צושיטען זיך אָהן כח. דורכגעדרונגען מיט דעם פחד פון דער אונבעוועגטער שטומהייט, הויבט דער זינדער אָן צו ברעכען פון דעם אייגען גוף די ביינער, נור כדי דעם טויטען שווייגען מיט א קלונג צו איבעררייסען. נור עס העלפט ניט. אין דעם מדור איז שוין יעדער קול געשטאָרבען, אָדער ניט געווען געבאָרען.

דאָ, אין דריטען מדור „דומה", קומען אָב די בעלי גאוה'ס, וועלכע האָבען מיט א שטאָלצען און רמאות-פרומען שווייגען צוגעדעקט דעם פוסטען

נפש; וועלכע האבען אהן רחמנות צוגעקוקט אויף פרעמדע ליידען, ווער עס האט דעם לאו פערגעסען פון „לא תלין פעולת שכיר“; ווער עס האט אהן שאנד געגעסען און געטרונקען און געהוליעט אין דער סביבה פון אביונים.

ט י ט ה י ו ן — הייסט דער פערטער פון די שבע מדורי גיהנום. שטיל, פאמעלעך, אהן אן אויפהער, ווערט דער זינדער איינגעזונקען אין א זומפ פון שווערען עפוש... שטענדיג זוכט ער זיך אן אנהאלט, כאטש א תקומה אויף א רגע, נור ער טהוט עס ניט געפינען. שטענדיג זעהט ער פאר זיך נאהענט פעלזען, צווייגען, שטארקע צוימען, אבער ווי ער שפרייט די האנד אויס, ווערען זיי פון איהם פערשוואונדען. הונדערט טויזענד הענד פון לצים טהוען איהם דערלאנגען שטענדיג אויף אן אנהאלט שטארקע שטעקענס. ווי ער וויל זיי אבער נעהמען, ווערען זיי, ווי דארע צווייגען, גלייך צובראכען און צושאטען, און ער זינקט און זינקט אין אבגרונד, אהן אן אויפהאלט, אהן א תקומה.

אין דעם מדור זינקען יענע, וועלכע האבען פאלש געשווארען מיט גאט'ס נאמען, מיט דער תורה; ניט דערלאנגט א האנד פון שטיצונג מיעדע, ארעמע און שוואכע; מיט א מוטהוויליגען עזות זיך געווארפען פון דעם הויכען תורה־פעסטונג אין דעם אבגרונד פון די פינסטערע שווארצע חקירות; די וואס האבען מיט חניפה, מיט א בליק, א ווארט, א תנועה, ארענטליכע ווייבער, בתולות, אנגערעדט צו בייזע מעשים און געבראכט צו אן עבירה.

ש א ו ל — הייסט דער פינפטער מדור. דארטען פלאקערען און ברענען פינף־ערליי להבה־פייערס. פליסיג איז דאס ערשטע פייער, ס'רעש'ען פייערדיגע טייכען און זיי פליסען מיט א שטורעם אין די פייערדיגע ימים. צווייטענס טראגען זיך אום דארטען פייערדיגע שטורעם־ווינטען. דריטענס זענען דארט פערהאנדען גרויסע שרעקליכע מדבריות פול מיט פייער־זאמד, ווי פונקען, וועלכער הויבט אויף און טראגט זיך אין געדיכטע פייער־וואלקענס. ס'פאלט ווי שנעע־פלאקען דער פערטער, און בעדעקט אי בערג, אי טהאלען מיט א ווייסען קאלטען פייער. און דער פינפטער איז א שטילער, א־פערגליווערטער, א בלאהער. ער איז שרעקליכער פון אלע: ער פערצעהרט מיט פייער — פייער.

אין דעם פייערדיגען אבגהונד ווערט דער זינדער אנגעגאסען, ווי מיט בלוט, מיט פלאמען פייער, וועלכע, פליסענד אין די אברים, שטורמען דארט מיט אלע ליידען און מיט העלישע יסורים. און עס פלאקערען און ברענען אין דעם זינדער שווארצע תאוות, שרעקליכע און אונגעשטילטע. דארטען קומען אב די זינדער, וועלכע האבען נאכגעגעבען זייער גוף און גראבע תאוות, ניט געפאסט דעם טאג יום כפור, און געגעסען, ווי ערלים, טריפה און אום פסח חמץ. הארטען ווערען אויך געפייניגט די וואס האבען ביי אביונים בלוט געזויגען דורך הלואות, און פון פרעמדען שוויים און ארבייט אנגעקליבען זיך פערמעגענס. ווער עס האט מיט בייזען ווילען, צי אליין, צי דורך א צווייטען, בלוט אונשולדיגעס פערגאסען; די וואס האבען קינדער־



זכרים ניט אריינגעפיהרט דורך מילה אין דער אידישער קהילה; יענע ווייבער, וועלכע האבען ניט געהיט דעם דין פון נידה.

אין דעם זעקסטען פון די שבע מדורי גיהנום, צ ל מ ו ת, הערשט א וויסטע אונבעגרענצטע פינסטערע און טויטע פוסטהייט, אהן א גרונד און אהן אן אנהויב, וועלכע איז געוועזן בעשאפען נאך פאר ששת ימי בראשית.

אין דעם מדור אהן א שטח זעהט פאר זיך דער זינדער שטענדיג אונגעענדערט זיך אליין נור, שטענדיג איז ער דורכגעדרונגען מיט א הורשטיג־ווילדער שטרעבונג זיך אין זיך אליין בעהעפטען. נור ער קען זיך ניט דערגרייכען און ער וויים ניט און פערשטעהט ניט: ווער זשע איז ער? דער צי יענער? אדערביידע זענען מעהר נישט ווי א דמיון פון א דריטען?

דא אין מדור פון צלמות קומען אב די זינדער, וועלכע האבען זיך אליין גענומען ביי א קלארען זין דעם לעבען, די וואס האבען מיט לצנות צי מיט ספקות, צי מיט יאוש, ביי דעם אנדערן אין הארצען אויסגערויסט, געטויט אויף אייביג די אמונה אין דעם בורא, אין גערעכטיגקייט און אמת. ווער עס איז געוועזן א מסור, ווער ס'האט פאלש געוויזען עדות און אן אונשולדיגען מענשען אומגעבראכט, פערשמוצט דעם נאמען דורך א ליגען צי א בלבול. ווער עס האט דורך זנות און עולות אבגעמעקט ביי זיך פון פנים גאט דעם הערשער'ס דמות און צלם. דארטען ווערען אויך געפייניגט יענע שופטים, וועלכע האבען, צי פאר שוחד, צי פון פחד, פאלש און אונריכטיג גע'משפט און מיט זייער שווארצער פאלשהייט צוגעדעקט די בייזע מעשים פון געוועלטיגע און רייכע. יעדער מאל, ווי נור א שופט גיט ארוים א פאלשען פסק־דין, הויבט אן ציטערען ביין בורא אין דער רעכטער האנד דער זיעגעל מיט דעם טיעפען אויפשריפט א מ ת.

און דער זיעבעטער און לעצטער פון די שבע מדורי גיהנום האט קיין נאמען ניט... פערגעסען... אין דעם גיהנום א גיהנום! און א טויטער שטומער חושך וועלכער איז נור דא פערבליבען פון די ששת ימי בראשית, איידער גאט האט ליכט בעשאפען. א געדיכטער תהום פון חושך, וועלכער איז אין שטארקען שלומער ווי א פעלזענשטיין פערגליווערט. און עס ברענט אין איהם און פלאקערט מיט א העליש שווארצען פייער גאט דעם פורכטבארענ'ס נקמה און זיין גרימצארען דער גרויסער.

דארטען קאכען זיך אין קעסלען אין א זידענדיגען עפוש די, וואס האבען גאט געלעסטערט און פערשוועכט זיין הייליג־ריינעם און אלמעכטיגשטארקען נאמען. פאר די כופרים פון דעם מדור טהוט ביי גאט זיך ניט דערוועקען קיין שום שוואכער פונק פון רחמים. ס'איז ניטא פאר זיי קיין שבת, ניט קיין יובל, ניט קיין שמטה. און צו זייער שטראף אין גיהנום איז ניטא קיין סוף אויף אייביג. אז די וועלט וועט חרוב ווערען, וועט זיך גאט אפילו דערנמאלט אויף די כופרים ניט דערמאהנען! און עס שוועבט א שווארצער פייער אויף דעם טויער פון דעם מדור און אין פייער — טויטע ווערטער: „גאט'ס פערגעסענע אויף אייביג אין דעם טיעפסטען תהום פון חושך!“